# הבינוני

פרשת פנחס ||| שנת תשפ"ג לפ"ק ||| גליון י' ||| שנה א'

שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

הבינוני – שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

"להבין ולהשכיל לשמוע ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים"



פטרון סדר במדבר
הרוצה בעילום שמו
לזכותו ולזכות משפחתו
לברכה והצלחה ברוחניות ובגשמיות


## בך בטחתי

**לא נצרכה אלא לקבולינהו בשמחה;**
וואָס איז די ריכטיגע וועג: "יפשפש במעשיו" אָדער "לברך על הרעה"?!

יום ראשון שלח, י"ג סיון תשע"ט

א

## להטיבך באחריתך; די יסורים האָבן אַ לעכטיגן תכלית און דעסטינאַציע

### די צוויי מאמרי חז"ל וויאַזוי צו טראַכטן ביי יסורים

אין די פריערדיגע שיעורים איז אויסגעשמועסט געוואָרן, אַז פון די ערשטע יסודות אין 'בטחון' איז די 'אמונה', צו גלייבן אַז אַלעס וואָס דער רבוש"ע טוט מיט אונז איז 'לטובה'; עס איז בכלל נישטאָ אַזאַ באַגריף פון 'רע', ווייל השי"ת איז אייביג בלויז מטיב! אפילו ווען מיר זען דאָס נישט דאַרפן מיר אַרויסגיין אין אַ טאַנץ און דאַנקן ביי יעדע שוועריגקייט, ווייל ס'איז זיכער די בעסטע זאַך.

האָט אַ איד אַריינגעשיקט אַ שאלה, וואָס טוט זיך מיט דעם מאמר פון חכמינו ז"ל (ברכות ה א): **"אם רואה אדם שיסורין באין עליו, יפשפש במעשיו"?!** עס שטייט נישט אין דער גמרא אַז ווען מען באַקומט יסורים "יצא בריקוד של שמחה"... עס שטייט אַז דו האסט געכאַפּט אַ פּאַטש, דריי זיך אַרום און מאַך דיר דעם חשבון הנפש! זאָג נישט יעצט 'מזל טוב' מיט אַ שמייכל, נאר זיי 'מפשפש במעשים' פאַרוואָס האָסטו באַקומען די יסורים.

דער אמת איז אַז די זעלבע שאלה קען מען פרעגן, וויאַזוי שטימט די גמרא פון "יפשפש במעשיו", מיט די ווערטער פון די משנה (ברכות ס, ב): **"חייב אדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה", און ווי די גמרא זאָגט: "לא נצרכה אלא לקבולינהו בשמחה"**. - אַז מ'דאַרף דאַנקן דעם אויבערשטן אויף יעדע שלעכטע זאַך מיט אַ געוואַלדיגע שמחה, פּונקט ווי אויף די אָפּענע טובה.

אויבנאויף דאַרף מען פאַרשטיין, וויאַזוי שטימען די צוויי מאמרים?! וואָס דאַרף מען טראַכטן ווען מען טרעפט זיך אין אַ פּראָבלעם?! "יפשפש במעשיו" אָדער "לברך על הרעה"?!

### זיך פרייען אַז די עבירות ווערן אָפּגעוואַשן

אַ תשובה אויף די שאלה געפינען מיר אין די הייליגע ווערטער פונעם רבינו יונה (ברכות מ"ד ב' מדפי הרי"ף), וואָס שרייבט דאָרט בלשונו: **"כמו שמברך על הטובה בשמחה ובטוב לבב, כך יש לו לברך על הרעה בשמחה ולקבל מוסר הבורא בסבר פנים יפות ויחשוב כי הכל כפרת עוונותיו".**

פון דעם רבינו יונה זען מיר אַז ס'איז בכלל נישט קיין סתירה!ביידע זענען אמת. מען דאַרף דאַנקן אויף די שלעכטס מיט אַ געוואַלדיגע שמחה און מיט אַ גוטן געמיט, ממש ווי מען וואָלט באַקומען גוטס, און בשעת מעשה זאָל מען מקבל זיין די 'מוסר' פונעם אויבערשטן בסבר פנים יפות, און טראַכטן אַז אַלעס איז כפרת עוונות.

דאָס הייסט אַז אודאי איז עס די בעסטע זאַך ווען דער אויבערשטער רייניגט דעם מענטש, **ווי איז דען פאַרהאַן אַ בעסערע טוב ווי ווען דער רבוש"ע וואַשט אים אַרום דורך יסורים, וואָס דורכדעם ווערן זיינע עבירות נתכפר.** אָבער דער מענטש זאָל גלייכצייטיג זיך מאַכן דעם חשבון אַז אודאי לויט דעם יעצטיגן מצב, מיט זיינע עבירות, איז דאָס די בעסטע זאַך, אָבער: "ווען איך האָב ווען נישט די עבירות, וואָלט איך נישט געדאַרפט האָבן די יסורים מיך צו רייניגן".

### יסורים ברענגט צוריק צום תכלית

ענליך שטייט אויך אין **אור החיים הק'**, פּרשת תצוה (שמות כח, א), אַז ווען אַ מענטש איז מקבל באהבה די יסורים וואָס השי"ת שיקט אים, דעמאָלט קומט ער אָן צום שלימות'דיגן תכלית.

דער אור החיים הק' שמועסט אויס, אַז משה רבינו האָט פאַרלוירן די כהונה, אַלס עונש ווייל ער האָט נישט געוואָלט גיין צו פּרעה, אָבער שפּעטער ווען ער האָט מקבל געווען דעם עונש באהבה, איז ער צוגעקומען צום אַזאַ תכלית און צו דעם אמת'ן ציל וואו ער האָט געדאַרפט אָנקומען און אַלעס איז פאַרראָכטן געוואָרן!

און ער ענדיגט צו אַז לויט דעם יסוד איז אים פאַרענטפערט געוואָרן דער פּשט פון דעם מאמר חז"ל וואָס האָט אַביסל געעאַרט: "חייב אדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה", אָבער

### אותיות מחכימות

אור החיים הק' פרשת תצוה

ואתה הקרב אליך את אהרן אחיך: עוד ירמוז באומרו הקרב אליך, כי על ידי חטא האדם מתרחק בחינת ענף נשמתו שכנגד אותו ענף שבו חטא משורשו, הגדול כפי גדלו והקטן כו', והנה באמצעות ההפצרות שהפציר בשליחות ה', גרם להתרחקות ענף אחד מענפי נשמתו משורשה, והגם כי ה' הענישו, אף על פי כן כל עוד שלא קיבל העונש, הפגם עומד במקומו והרחוק עודנו מרוחק, לזה בשעת תכלית הדבר הודיעו כי בזה יהיה מתקרב הרחוק, והוא אומרו 'ואתה הקרב אליך', פירוש הקרב לעצמך פירוש לבחינתך שרחוקה באמצעות החטא ההוא, ונתכוון ה' להודיעו כי זה תיקונו.

ומזה אני משכיל על דבר שאמרו ז"ל בסוף ברכות 'חייב אדם לברך על הרעה כשם שהוא מברך על הטובה' ומפרש בגמרא לקבל הרעה בשמחה כשם ששמח בטובה עד כאן, והיה הדבר קצת בעיני רחוק, ועל פי הדברים האמורים בענין הנה היסורין הם מקריבין ענפי הנשמה שהיו רחוקים משורשם, שאין לך רע ומר כעוזבו את ה' אלוקיו, ובאמצעות היסורין יתקרב הרחוק ועל זה ישמח לב המשכיל.

### אותיות מחכימות

**ספה"ק נועם אלימלך פרשת ויגש**

הנה הבורא ברוך הוא אין שייך בו שום יראה, רק היראה הזאת יש לו להשם יתעלה, שמתיירא שלא יחטא האדם מחמת אהבתו שאוהב את האדם להטיבו באחריתו, כי דרכו יתברך להטיב לכל ברואיו, ולכן מתיירא שלא יחטא. ונמצא יראת הבורא ברוך הוא היא יראה מתוך אהבה.

וכן העונש שמעניש לאדם הוא גם כן, מחמת שרוצה להטיבו באחריתו, הוא מצרפו ביסורין בעולם הזה כדי שיוכל לקבל הטוב לעולם הבא.

וזהו 'וכיראתך עברתך', פירוש כמו שהיראה שלך היא מתוך אהבת האדם, כן עברתך שאתה מעניש לאדם הוא גם כן מחמת אהבה, להטיבו באחריתו.

אַצינד פאַרשטייט מען דאָס גוט, ווייל די יסורים פאַררעכטן צוריק די גאַנצע נשמה, און דער מענטש קומט צוריק צו זיין אמת'ן תכלית און ווערט נאָנט מיט'ן אויבערשטן - "ועל זה ישמח לב המשכיל"!

דער רבינו יונה און דער אור החיים הק' זאָגן ביידע די נקודה, אַז די 'לברך על הרעה' גייט צוזאַמען מיט דעם 'יפשפש במעשיו', ווייל יסורים קומען טאַקע צוליב די חטאים, אָבער יעצט אַז דו געפינסט זיך אין דעם מצב פון אַן עבירה, דאַרפסטו לויבן און דאַנקן דעם אויבערשטן, אַז ער האָט דיך מטיב געווען, ער האָט דיך געשיקט די יסורים וואָס וועלן דיך ברענגען צום תכלית פון שלימות און קרבת אלקים!

## דער לימוד פון 'וועיז'

היינט צוטאָגס איז דאָ די 'וועיז' טעכנאָלאָגיע וואָס צייגט פאר רייזנדע די שנעלסטע וועג וויאַזוי זיי וועלן אָנקומען צו זייער דעסטינאַציע. אויב דער מענטש וועט נישט פאָלגן זיינע דירעקציעס און האָט זיך געדרייט לינקס אַנשטאָט רעכטס, וועט די 'וועיז' באַלד נאָכאַמאָל אָנהויבן אויסרעכענען און ס'וועט אים געבן די שנעלסטע וועג לויט זיין יעצטיגע סיטואַציע. דאָס קען זיך אַזוי איבערשפּילן אומצאָליגע מאָל, עס וועט כסדר זיך אָפּדעיטן און געבן פאַר'ן דרייווער די וועג וואָס איז אַצינד די שנעלסטע און בעסטע.

קיינער וועט זיך נישט אויפרעגן אויף 'וועיז' פאַרוואָס עס נעמט יעצט לענגער די וועג... ווייל דער מענטש ווייסט גוט אַז עס זוכט אים יעצט אויף די שנעלסטע וועג לויט זיין מצב. ער שפּירט נישט אַז דאָס איז אַן 'עונש', נאר ס'איז פּשוט די מציאות, היות דער מענטש איז פאַרפאָרן, וועט דאָס אים שיקן אויף דעם בעסטן וועג לויט די יעצטיגע אומשטענדן, כדי ער זאָל טאַקע אָנקומען צום ציל.

ממש אַזוי אַרבעט עס מיט יסורים. ווען אַ איד זעט אַז 'יסורים באים עליו' זאָל ער פאַרשטיין אַז ער איז פאַרבלאָנדזשעט פון וועג, ער האָט זיך דערווייטערט פון זיין תכלית, און די יסורים זענען געשיקט געוואָרן אים צוריקצוברענגען. פון הימל האָט מען זיך נישט מייאש געווען פון אים, לא ידח ממנו נדח, **מען זאָגט אים קיינמאָל נישט: "הער אויס, אַז דו האַלטסט נישט דערביי, טו וואָס דו ווילסט"**... ניין! דער רבוש"ע וועט אים שטענדיג באַגלייטן און פירן אויף דעם וועג צום תכלית, אפילו אויב יעצט וועט די וועג זיין אַביסל שווערער אָדער לענגער.

ווילסט אַז די וועג זאָל זיין גרינגער?! איז דאָ אַן עצה פון 'יפשפש במעשיו'! מאַך דיר אַ חשבון הנפש וועט די וועג נישט זיין אַזוי לאַנג! אָבער דאָס איז זיכער אַז סיי וואו דו געפינסט זיך וויל השי"ת דיך בלויז טון גוטס און דיך ברענגען צום תכלית!

## וואָס איז די יראה פון דעם אויבערשטן?!

נאָכמער זאָגט דער הייליגער רבי ר' **אלימלך מליזענסק** זי"ע, אין ספה"ק **נועם אלימלך** אָנהויב פּרשת ויגש, אַז יעדע מדה דאָ אויף דער וועלט קומט דאך בשרשו פון השי"ת, וויאַזוי איז שייך יראה ביים אויבערשטן?! נאר דער אויבערשטער האָט מורא'דיג שטאַרק ליב יעדן איד און ער וויל אַלעמאָל גוטס טון פאַר אַלע זיינע ברואים, דעריבער האָט ער, כביכול, אַ 'יראה', וואָס קומט באמת פון אַן 'אהבה', אַז דער מענטש זאל חלילה זיך נישט פאַרפּאַטשקענען.

זאָגט דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע אַז די זעלבע זאַך איז ביי אַן עונש וואָס מען איז מעניש דעם מענטש. דאָס איז נישט חלילה קיין כעס אָדער נקמה, נאר 'צוליב זיין גרויסע אהבה' מאַכט דער רבוש"ע אַז דער מענטש זאל האָבן אַ שוועריגקייט, ווייל די יסורים וועט אים סוף כל סוף ברענגען צו אַ גוטן תכלית.

> ווייזט אויס אַז איך בין אַזאַ רשע מרושע אַז כ'בין אַרגער פון אַלעמען! אַלע מיינע אַרומיגע קענען יאָ טון שידוכים, אַלע האָבן יאָ קינדער, אַלע האָבן יאָ פּרנסה, און בלויז איך בין דער גרעסטער אויסוואָרף

מיט דעם טייטשט ער דעם פּסוק (תהלים, צ, יא): "וּכְיִרְאָתְךָ עֶבְרָתֶךָ" - פּונקט ווי דעם אויבערשטנ'ס 'יראתך' קומט פון זיין גרויסע אהבה צו אידישע קינדער, דעריבער האָט ער כביכול אַ 'יראה מחמת אהבה' אַז דער מענטש זאָל נישט זינדיגן, דאָס זעלבע איז מיט די 'עברתך', דער עונש, איז אויך בלויז 'מחמת אהבה', און ס'איז בלויז צו מטיב זיין פאַר'ן מענטש - 'להטיבך באחריתך'!

## דעם איד'ס שוועריגקייטן זענען 'קיינמאָל' נישט מיט'ן זעלבן ציל ווי דעם גוי'ס יסורים

אין ספרים שטייט אַז דאָס איז פּשט פון דעם פּסוק: "**כָּל הַמַּחֲלָה אֲשֶׁר שַׂמְתִּי בְמִצְרַיִם לֹא אָשִׂים עָלֶיךָ כִּי אֲנִי ה' רֹפְאֶךָ**". ווייל ווען דער גוי האָט אַ מחלה קען דאָס זיין אַלס אַן עונש אויף זיינע שלעכטע מעשים, אָבער ווען אַ איד האָט אַ צרה איז עס אַלעמאָל מיט אַ ציל אים צו מטיב זיין צום סוף, אים צו אויסוואַשן און אים ברענגען צום שלימות; פּונקט ווי אַ דאָקטער וואָס נעמט בלוט כדי צו אויסהיילן דעם מענטש.

דאָס זאָגט דער פּסוק: 'כל המחלה אשר שמתי במצרים לא אשים עליך' - דער רבוש"ע וועט דיך קיינמאָל נישט געבן אַ מחלה אַזויווי ער גיט עס פאַר אַ גוי. ווייל פאר דיך איז עס אייביג מיט אַ גוטע כוונה! 'כי אני ה' רופאך' - די תכלית פון דיינע יסורים איז אַז דו זאָלסט ווערן אויסהיילט דורכדעם.

## וועלכע מחשבה קומט צוערשט?!

אַצינד ווען מיר זענען שוין זייער קלאָר אַז דאָס איז אינגאַנצן נישט קיין סתירה; יעדעס ביסל יסורים איז געוואַלדיגע חסד און 'הטבה' פון הימל, און מען דאַרף אויך געדענקן אַז דאָס טוט מזכך זיין פון די חטאים; שטעלט זיך די שאלה: "וועלכע פון די צוויי מחשבות קומט צוערשט?! וואָס זאָל אַ מענטש טראַכטן די ערשטע זאַך ווען ער האָט יסורים?!"

אודאי איז זיכער אַז גרויסע 'בעלי מדריגה' האָבן נישט קיין ספיקות, ווייל זיי קענען זיך מדבק זיין צו ביידע מחשבות אינאיינעם, אָבער מערסטנס פון אונז פּשוט'ע מענטשן זענען נישט אויף דער הויכער מדריגה, מיר קענען נישט אין די זעלבע צייט מפשפש זיין במעשיו און טאַנצן פאר שמחה, ס'איז אונז זייער שווער צו טון ביידע אויף אַמאָל, און די שאלה איז וועלכע קומט ערשט?!

## די 'שולד' געפילן עסן אויף דעם מענטש

צום באַדויערן דרייען זיך מענטשן אַרום מיט אַזויפיל צער פון אַזעלכע ספיקות. עס מאַכט זיך אָפט, איבערהויפּט ווען אַ מענטש גייט אַריבער אַ גרעסערע שוועריגקייט, און ווער רעדט ווען ס'פּאַסירט חלילה אַן אומגליק, און דאָס האַרץ ווערט גלייך אָנגעפולט מיט אַזויפיל נעגאַטיווע שולד געפילן אויף זיך אליינס: "**פאַרוואָס האָט דאָס פּאַסירט פּונקט צו מיר?!** ווייזט אויס אַז איך בין אַזאַ רשע מרושע אַז כ'בין אַרגער פון אַלעמען! אַלע מיינע אַרומיגע קענען יאָ טון שידוכים, אַלע האָבן יאָ קינדער, אַלע האָבן יאָ פּרנסה, און בלויז איך בין דער גרעסטער אויסוואָרף **וואָס מען האָט מיך אַראָפּגעשליידערט אַלע טרעפּ ווייל עס קומט זיך מיר!!**".

אַזעלכע שולד געפילן פאַרדרייען נעבעך דעם מענטש. ער ווערט אַזוי צעבראָכן און צושאָסן, און אודאי קען ער נישט דאַנקן אויף די יסורים.

ב

# די ערשטע סיבה צו מקדים זיין בטחון: קבלת יסורים איז אַזוי ווי 'ברכת הנהנין' וואָס מען איז גלייך מחויב דערמיט

## ס'איז אסור צו נהנה זיין פון 'יסורים' אָן קיין ברכה...

לאָמיר דעריבער זען וואָס דער ריכטיגער צוגאַנג דאַרף זיין ווען מען טרעפט זיך אין אַ מצב פון 'יסורים באים עליו'.

צוערשט, דאַרף מען זיך מאַכן דעם פּשוט'ן חשבון: דער מאמר אַז מען איז מחויב 'לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה', שטייט שוין אין דער משנה. דאָס איז געווען די ערשטע זאַך, נאָך איידער די גמרא. הערשט שפּעטער זענען געקומען די אמוראים און געשריבן אין גמרא די צווייטע זאַך, אַז 'יפשפש במעשיו'.

אָבער דאָס גייט נאָך אַסאַך טיפער: וואו שטייט די משנה פון 'חייב אדם לברך על הרעה'?! אין מסכת ברכות! צווישן אַלע הלכות פון ברכות, וואָס יעדער איד איז מחויב צו בענטשן ביי אַלע זיינע הנאות, ווייל מען טאָר נישט הנאה פון דער וועלט אָן קיין ברכה! דאָס הייסט אַז פּונקט ווי אַ מענטש טאָר נישט 'עסן' אָן קיין ברכה, אַזוי אויך טאָר ער נישט האָבן קיין 'יסורים' אָן קיין ברכה...!

אַזוי ווערט טאַקע אויך געפּסקנט להלכה אין שלחן ערוך, ווי דער מחבר שרייבט אין הלכות ברכת הפירות (סי' רכב ס"ג): **"חייב אדם לברך על הרעה בדעת שלמה ובנפש חפצה, כדרך שמברך בשמחה על הטובה, כי הרעה לעובדי השם היא שמחתם וטובתם, כיון שמקבל מאהבה מה שגזר עליו השם נמצא שבקבלת רעה זו הוא עובד את השם, שהיא שמחה לו."**

הפלא ופלא!

דאָס איז נישט קיין שיינע דערהער, ס'איז נישט קיין 'ענין', נאר **ס'איז אַן אָפּענע הלכה אין שלחן ערוך וואָס יעדער איד דאַרף דאָס מקיים זיין!** פּונקט ווי מען דאַרף מאַכן אַ 'שהכל' אויף יעדע עסנוואַרג און אויב נישט ביזט אַ 'גנב', **דאָס זעלבע דאַרפסטו וויסן אַז דער רבוש"ע האָט דיך יעצט געגעבן אַ גוטע זאַך און דאַרפסט אים דאַנקען דערויף. מאַך אַ ברכה!**

## די צוויי חלקים פון 'וואָס' און 'פאַרוואָס'

אַצינד, נאָכדעם וואָס מען האָט געדאַנקט און אַנערקענט די 'טוב', קומט די צווייטע שטאַפּל, ווען מען דאַרף טראַכטן פאַרוואָס איז דאָס געקומען אויף דעם אופן. אין ישיבה פלעגט מען זאָגן: **"ס'איז דאָ 'וואָס' און ס'איז דאָ 'פאַרוואָס'..."**

דאָס זעלבע איז יעדעס מאָל וואָס דער מענטש טרעפט זיך אין אַ פּראָבלעם: **'וואָס'** האָסטו יעצט באַקומען?! **זיכער אַז דו האסט באַקומען געוואַלדיגע 'טוב'!** און מען דאַרף מאַכן אַ ברכה דערויף! 'פאַרוואָס' איז דער טוב געקומען אויף דעם אופן?! דאָס איז זייער אַ וויכטיגע שאלה, און **מ'דאַרף האָבן דעם ישוב הדעת צו מפשפש זיין במעשיו דערויף.** אָבער דאָס קען בלויז קומען נאָכדעם וואָס מען ווייסט גוט דעם חלק פון 'וואָס'!

ג

# די צווייטע סיבה צו מקדים זיין בטחון: בלויז דורך קבלת יסורים באהבה קען מען טון תשובה אָן קיין עצבות

## תשובה טאָר נישט ברענגען צו קיין 'עצבות'

נאָך אַ סיבה פאַרוואָס ס'איז פשוט אוממעגליך צו אָנהויבן מיט דער עבודה פון 'יפשפש במעשיו' בעפאָר מען האָט ריכטיג באַגריפן די 'טוב' וואָס ליגט אין יעדע פּראָבלעם, איז וויבאַלד דער 'יפשפש במעשיו' איז אַן איידעלע ליניע, וואָס קען גרינג ברענגען דעם מענטש צו עצבות און דעפּרעסיע.

צדיקים האָבן שוין געווארנט דערפון און זיי האָבן אַסאַך מזהיר געווען **אַז מען זאָל זייער אַכט געבן פון אַזאַ סאָרט 'תשובה' וואָס ברענגט חלילה עצבות, ווייל דאָס וועט נישט טראָגן דעם מענטש אין ערגעץ!** עס וועט חלילה אים נאָכמער אַראָפּשלעפּן און מצמצם זיין די שפע, ווייל מיט עצבות פאַרלירט מען אַלעס!

אויב דער 'יפשפש במעשיו' רירט אָן אַ פּונקט וואָס עס הייבט אָן רידערן ביים מענטש מחשבות פון נעגאַטיווע שולד-געפילן: "איך האָב עס געברענגט מיט מיינע אייגענע הענט, ווייל איך בין אַזוי שלעכט", דעמאָלט זאָגן די ספרים הק' אַז דאָס איז יאוש און עצבות וואָס מען דאַרף דערפון אַנטלויפן! **ווען מען טוט תשובה אויף אַזאַ אומריכטיגן אופן איז דאָס אַסאַך ערגער!**

אויף דעם איז דאָ דער גרויסער כלל וואָס חסידי'שע ספרים חזר'ן אַז דער ענין פון 'יפשפש במעשיו' קען גיין בלויז ווען מען איז בשמחה! **אַנדערש אַרבעט עס נישט!**

ס'איז באַקאַנט וואָס דער הייליגער **תפארת שלמה** זאָגט אין פרשת ויגש אויפן פּסוק (בראשית מה ה): "ועתה אל תעצבו", אַז דאָס וואָרט 'ועתה' איז אַ לשון תשובה, און די תורה הק' לערנט אונז אַז אפילו מען דאַרף תשובה טון, טאָר דאָס נישט זיין מיט קיין עצבות, ווייל תשובה איז אַ מצות עשה מן התורה און דעריבער דאַרף מען דאָס טון בשמחה, ווי עס שטייט "עבדו את ה' בשמחה"!

## די מהלך צו קענען ריכטיג תשובה טון איז דורך גלייבן אין דעם טוב

דאָס איז אַמאָל זיכער, אַז ווען דער מענטש איז נישט בשמחה קען ער נישט ריכטיג מפשפש זיין במעשיו. די 'תשובה' וועט אים גורם זיין צו אַריינפאַלן אין אַן ערגערן יאוש וואָס וועט חלילה אָוועקנעמען זיין שפע. **ווען מען איז בעצבות איז דער מח אינגאַנצן צעקלאַפּט און מען קען אַזוי קיין תשובה נישט טון!**

דעריבער איז אַזוי וויכטיג, אַז די ערשטע זאַך ביי יעדע פּראָבלעם, זאָל מען לעבן מיט דעם 'לברך על הרעה' - דאַנקן און לויבן דעם אויבערשטן אויף די באַהאַלטענע טוב וואָס ליגט דאָ, **מען זאָל זיך חזר'ן און געדענקען אַז דער רבוש"ע האט מיך ליב און ער וויל מיך מקרב זיין צו אים! הערשט דעמאָלט, בלויז דעמאָלט, ווען מען האָט שוין די קלאָרקייט אין מח, קען מען צוגיין נענטער צום ענין פון 'יפשפש במעשיו'**, און שטייגן מיט אַ ריכטיגע חשבון הנפש, מתוך שמחה, ולא מתוך עצבות חלילה!

## מיט דער שמחת התורה האָט מען די כלים צו דערמאַנען דעם 'יום המיתה'

אין ספר **'אמרות טהורות'** פון כ"ק אדמו"ר **מראחמיסטריווקא** שליט"א איז דאָ אַ געשמאַקע ווארט אויף דעם באַקאַנטן מאמר חז"ל אין מסכת ברכות (דף ה' ע"א), אַז ווען אַ מענטש וויל מנצח זיין דעם יצר הרע, איז פאַראַן דריי עצות: די ערשטע איז "יעסוק בתורה", די צווייטע איז "יקרא קריאת שמע", און די לעצטע דריטע עצה איז 'יזכיר לו יום המיתה'.

ס'איז באַקאַנט וואָס עס שטייט פונעם **בעש"ט הק'** אַז לעולם זאָל מען קיינמאָל נישט אָנהויבן מיט די עצה פון 'יזכיר לו יום המיתה', ווייל דאָס קען צוברענגען צו עצבות, דעריבער זאָגט די גמרא די אַנדערע זאַכן פריער, כדי דער מענטש זאָל גיין לויט דעם סדר, און בלויז אויב ער דערזעט זיך אַז גאָרנישט האָט אים נישט געהאָלפן, דעמאָלט קען מען אַרויסנעמען די דריטע עצה פון זיך דערמאַנען דעם יום המיתה.

**אותיות מחכימות** — ספה"ק תפארת שלמה פרשת ויגש

ועתה אל תעצבו וגו', הנה ועתה הוא לשון תשובה, לכן אמר – אע"פ שאתם צריכין לשוב בתשובה על המעשה הזה אשר עשיתם, אך אל תעצבו, לא בעצבות הוא דרכי התשובה, כי התשובה היא מצות עשה מן התורה וצריך לעשותה בשמחה, כמו שכתוב עבדו את ה' בשמחה.

שטעלט זיך די פראַגע: אויב איז דער 'יזכיר לו' אַזאַ גרויסע פּראָבלעם, וויאַזוי מעג מען זיך באַנוצן דערמיט אויב די ערשטע עצות האָבן נישט געהאָלפן?! מען קען דאָך אַריינפאַלן אין עצבות דורכדעם, וואָס דעמאָלט וועט עס זיין אַסאַך ערגער?!

זאָגט ער אַ שיינע דערהער: אויב דער מענטש האָט שוין מקיים געווען די עצה פון 'יעסוק בתורה' בעפאָר, וועט דאָך יעצט אודאי נתקיים ווערן ביי אים דער פּסוק "פּקודי ה' ישרים משמחי לב"! די תורה וועט אים מאַכן פרייליך אויפ'ן האַרץ! **יעצט, אַז ער איז שוין נאָנט צו דער קדושה און צו אַן 'השראת השכינה', קען ער שוין צוגיין צו דעם 'יזכיר לו יום המיתה' אָן קיין עצבות!**

אודאי איז דאָס אַ געוואַלדיגע אמת'ע וועג, צו געדענקן דעם יום המיתה, ווי מיר ווייסן די משנה: "שוב יום אחד לפני מיתתך". אָבער אויב דו האַלטסט נאָך פאַר'ן לערנען וועסטו ווערן אַראָפּגעשלעפּט און בעצבות חלילה. דעריבער זעץ דיך לערנען, און אַז דו וועסט שוין האָבן די שמחת התורה וועסטו זיך קענען באַנוצן מיט די לעצטע עצה אויפ'ן ריכטיגן וועג.

### מיט דער שמחה פון 'מברך על הרעה' קען מען ריכטיג מקיים זיין דעם 'יפשפש במעשיו'

דאָס זעלבע זאַך איז נוגע ווען אַ מענטש גייט דורך יסורים און שוועריגקייטן. אודאי דאַרף מען מאַכן אַ 'חשבון הנפש' פאַרוואָס דאָס איז געקומען, אָבער אויב מען וועט צוגיין דערצו מיט אַ צעבראָכנקייט און טרויעריגקייט; אויב גלייבט ער נאָכנישט אַז דאָס איז 'לטובה'; דעמאָלט איז "יצא שכרו בהפסידו", ווייל **ער וועט אין ערגעץ נישט אָנקומען מיט אַזאַ סאָרט תשובה וואָס איז באַגלייט מיט עצבות.**

דוקא נאָכדעם וואָס אַ איד האָט זיך שוין משמח געווען מיט די אמונה אַז דער רבוש"ע שיקט אים בלויז 'טוב', דעמאָלט קען ער ריכטיג צוגיין צום קומענדיגן שטאַפּל פון 'יפשפש במעשיו'!

### יעדער מענטש און יעדע סיטואַציע איז אַנדערש

מען זעט טאַקע אַז ווען אַ מענטש געפינט זיך אין אַ צרה און מען זאָגט אים: "זיי מפשפש במעשיך", שטעכט אים דאָס ווי מיט שפּיזן, עס צעברעכט אים אַזוי שטאַרק, עד כדי כך אַז די גמרא זאָגט (סוף פּרק השואל אין מסכת בבא מציעא) אַז ווען מען זאָגט פאַר איינעם אַז זיין צרה קומט צוליב זיינע חטאים איז מען עובר אויף אַן איסור 'אונאה'! ווייל יעצט איז נישט די ריכטיגע צייט פאַרדעם!

> **וויפיל מעשיות זענען דאָ פון חסידי'שע אידן וואָס האָבן זיך אויסגעגליטשט און זיך צעבראָכן די ביינער, אָבער דאָס ערשטע וואָרט וואָס זיי האָבן געזאָגט איז געווען "הודו לה' כי טוב"**

וועט איינער זאָגן: אָבער ער דאַרף דאָך דאָס וויסן?! איז דער ענטפער אַז **'ער דאַרף עס נישט וויסן יעצט'!** אויב מען וועט אים דאָס זאָגן יעצט וועט מען אים חרוב מאַכן דערמיט!

די זעלבע חז"ל וואָס זאָגן אַז 'הרואה יסורים באים עליו יפשפש במעשיו', זאָגן אונז אויך אַז נאָך פריער דאַרף זיין דער 'חייב אדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה', - מען דאַרף דאַנקן און לויבן אַז אַלעס איז לטובה, און הערשט שפּעטער קען מען צוגיין צום 'חשבון הנפש'.

### ווען איז דער 'שפּעטער'?!

אויף דעם איז נישטאָ קיין איינציגע מהלך. **יעדער מענטש איז אַנדערש און יעדע מציאות איז אַנדערש.** אַלעס ווענדט זיך אין די אומשטענדן און אין דעם מהות פונעם מענטש. נישט אַלעמאָל איז מען שוין גרייט די ערשטע נאַכט ביי 'קריאת שמע' צו מאַכן דעם אמת'ן חשבון הנפש.

אַזוי זאָגן אונז צדיקים, אַז ווילאַנג מען האָט נישט די נויטיגע כלים צו מפשפש זיין במעשיו אָן קיין עצבות, טאָר מען נישט צוגיין דערצו. **בלויז ווען דער מענטש איז שוין גענוג בשמחה זאָל ער מאַכן דעם ריכטיגן 'חשבון הנפש'** און זיך פאַררעכטן זיינע מעשים.

ד

## די דריטע סיבה צו מקדים זיין בטחון: דורך מקבל זיין יסורים באהבה ווערט אַלעס נתהפך לטובה

### זאָג אַז ס'איז לטובה וועט עס טאַקע ווערן אַ טובה

ס'איז פאַרהאַן נאָך אַ דריטע טעם פאַרוואָס מען דאַרף אַלעמאָל אָנהויבן מיט שבח והודאה פאַר די יסורים, און בלויז דערנאָך אַריבערגיין צום חלק פון 'פשפש המעשים'.

אַלע ווייסן די מעשה וואָס ווערט געברענגט אין דער גמרא (ברכות דף ס' ע"ב) פון רבי עקיבא וואָס האָט אַלעמאָל געזאָגט 'כל מה דעביד רחמנא לטב עביד', און ער איז אַמאָל געגאַנגען אין וועג מיט אַן אייזל, אַ תרנגול און אַ ליכט, אָבער אינמיטן די נאַכט האָט ער אַלעס פאַרלוירן און ער האָט ווייטער געזאָגט 'כל מה דעביד רחמנא לטב עבידי' ביז ס'האָט זיך טאַקע אַרויסגעשטעלט אַז אַזוי איז ער געוואָרן געראַטעוועט פון געפענגעניש. דעם קומענדיגן אינדערפרי האָט ר' עקיבא געזאָגט פאַר זיינע תלמידים: "לאו אמרי לכו כל מה שעושה הקדוש ברוך הוא הכל לטובה'.

דער ספר **'בן יהוידע'** איז מדייק דעם לשון הגמרא, פאַרוואָס האָט ר' עקיבא יעצט, נאָך די געשעעניש, נאָכאַמאָל איבערגע'חזרט אַז 'איך האָב אייך געזאָגט כל מה שעושה הקב"ה הכל לטובה'?!

דאָס איז ווייל ר' עקיבא האָט אונז געוואָלט לערנען, אַז ווען אַ איד זאָגט אויף אַ זאַך אַז דאָס איז לטובה, **וועט ער מיט דעם דיבור אליינס דאָך טאַקע מהפך זיין אַז ס'זאָל ווערן גוטס!** אפילו אויב ס'איז חלילה נגזר געוואָרן אויף אים אַ גזירה רעה קען דאָס בטל ווערן אויב דער מענטש האָט געזאָגט אַז ס'איז אַלעס טוב!

דערפאַר האָט ר' עקיבא געזאָגט פאַר זיינע תלמידים: "דאָס וואָס ענק זען אַז יעצט האָט זיך אַלעס אויסגעשטעלט צום גוטן, **דאָס האָט פּאַסירט וויבאַלד איך האָב אייך געזאָגט נאָך בעפאָר אַז אַלעס וואָס השי"ת טוט איז לטובה!** אָט די ווערטער האָבן טאַקע גורם געווען אַז ס'איז באמת געוואָרן לטובה!".

### קודם פאַרמאַך דעם לאָך און עפן די שפע

ווען אַ מענטש נעמט אָן מיט אַ שמייכל די הנהגה וואָס דער רבוש"ע טוט מיט אים, ברענגט ער תיכף ומיד אַ 'המתקת הדינים'! **ער נעמט די 'באַהאַלטענע טוב' און ער דרייט דאָס איבער צו 'אָפענע טוב'!** אַצינד קען ער צוגיין צו דעם חיוב פון 'יפשפש בעמשיו' און זיך מתבונן זיין פאַרוואָס ער האָט בכלל געדאַרפט צוקומען צו אַזאַ מצב פון יסורים.

דאָס איז גלייך צו אַ שטוב וואו עס האָט אָנגעהויבן אַריינטראָפּן רעגן וואַסער פון דעם דאַך. די ערשטע זאַך וואָס דער מענטש טוט איז אַז ער נעמט אַ שמאַטע און דעקט צו דעם לאָך, אַז ס'זאָל אויפהערן רינען דאָס וואַסער. דערנאָך ווען די רעגן איז שוין באַרואיגט, שטעלט ער זיך באַטראַכטן וויאַזוי די לאָך האָט פּאַסירט.

בשעת עס רינט אַריין איז נישט קיין צייט צו גיין זוכן די סיבות פאַרוואָס דאָס האָט פּאַסירט. צוערשט דאַרף מען אָפּשטעלן דעם פּראָבלעם און דערנאָך קען מען זיך גיין מטפל זיין מיט'ן שורש.

דאָס זעלבע איז אונזער עבודה ווען ס'איז פאַרהאַן שוועריגקייטן; **צוערשט דאַרפן מיר שטאַרקן אונזער הארץ מיט אמונה און בטחון אַז דער רבוש"ע טוט דאָס פאַר אונזער גוטס - דאָס וועט פאַרשטאָפּן דעם לאָך און מהפך זיין די צרה לרוחה!** הערשט נאָכדעם וואָס מען איז מקבל אַלעס מיט אַ שמחה, קען מען אָנהויבן זוכן די סיבות פאַרוואָס דאָס איז געקומען.

## די הנהגה פון ערליכע אידן, חסידים ואנשי מעשה

'וכך ראינו וקבלנו'! **אַזוי האָבן מיר אַלע געזען ביי אמת'ע ערליכע אידן און עלטערע חסידים פון פריערדיגן דור, וואָס זייער ערשטע רעאַקציע צו יעדע זאַך פון יסורים איז געווען "ברוך ה' פאַרדעם"!** וויפיל מעשיות זענען דאָ פון חסידי'שע אידן וואָס האָבן זיך אויסגעגליטשט און זיך צעבראָכן די ביינער, אָבער דאָס ערשטע ווארט וואָס זיי האָבן געזאָגט איז געווען "הודו לה' כי טוב"!

אודאי האָבן זיי שפעטער מפשפש געווען אין זייערע מעשים, **אָבער זיי האָבן זיך נישט גלייך אַרומגעדרייט פאַרקלעמט און טרויעריג מיט שולד געפילן.** וואָס האָבן זיי געטון בשעת די צרה האָט פאַסירט?! זיי האָבן געלויבט און געדאַנקט דעם אויבערשטן און געזאָגט דעם פסוק 'ראה עניי ועמלי ושא לכל חטאתי', וואָס **דאָס איז אַ חלק פון דעם שבח והודאה,** מיט אַ קבלת יסורים באהבה, אַז אודאי איז אַלעס פאר זייער טובה.

חכמינו ז"ל זאָגן אונז דאך אין מסכת ערכין (דף טז ע"ב): "כל שעברו עליו ארבעים יום בלא יסורים קיבל עולמו", זען מיר דאך פונקט פאַרקערט! אַז ווען אַ מענטש באַקומט יסורים איז ער פון די וואָס השי"ת האָט ליב! **יסורים איז אַ סימן אַז דער רבוש"ע איז דיך מטיב!** די פאַרצייטישע חסידים האָבן דאָס גוט געוואוסט און זיי האבן אַזוי אָנגעקוקט יעדע שוועריגקייט וואָס האָט זיי באַטראָפן!

# הכרת הטוב

## שנראה כל אחד מעלת חברינו ולא חסרונם;

הכרת הטוב פאר אַלע אונזערע אַרומיגע

יום שלישי פרשת וארא, כ"ד טבת תשפ"ג

א

# ובחרת בחיים; יעדער איד קען זוכה זיין צו לעבן תומר דבורה'דיג

### דער "תומר דבורה" לערנט אונז; נישט האַלטן קיין חשבונות

ווען מען רעדט איבער דעם ענין פון "הכרת הטוב", ס'איז פאַרהאַן עטליכע יסודות'דיגע נקודות אין דעם ענין וואָס מיר דאַרפן אַסאַך חזר'ן און דאָס איינקריצן אין האַרץ. סיי וויבאַלד דאָס איז בכלליות גרויסע עיקרים אין אידישקייט, און סיי ווייל עס מאַכט זיך זייער אַסאַך מצבים אין לעבן ווען מיר טרעפן זיך אן דערמיט.

לאָמיר דערפאַר נאָכאַמאָל איבער'חזר'ן דאָס לשון פון ספר הק' "תומר דבורה". דאָס איז אַ שטיקל וואָס מען דאַרף לערנען אַסאַך מאָל אַז ס'זאָל אונז גוט אַריינגיין אין קאָפּ.

### זאָגט דער הייליגער "תומר דבורה" אַזוי:

**"דער מענטש זאָל זיך נישט מאַכן אַזאַ חשבון אין האַרץ "יענער האָט מיך טאַקע געטון אַ טובה, אָבער ער האָט דאָך מיר אויך געטון שלעכטס, דעריבער וועל איך פאַרגעסן פון די טובה", מען זאָל נישט טון אַזוי, נאר ביי אַ זאַך וואָס יענער האָט אים באַ'עולה'ט זאָל ער דאָס פאַרגעסן און אויסמעקן פון זיין מח, און די טובה וואָס יענער האָט אים געטון זאָל ער שטענדיג געדענקן! ער זאָל מעלים עין זיין פון דאס שלעכטס וויפיל ער קען, אויף דעם זעלבן מהלך וויאַזוי השי"ת איז 'כובש עוונות'."**

דער תומר דבורה איז אונז דאָ מסביר, אַז ווען דער באַשעפער האָט אונז באַפוילן אַז מיר זאָלן גיין זיינע וועגן, און מיר זאָלן זיך אויפפירן וויאַזוי דער באַשעפער פירט זיך מיט אונז, באַדייט דאָס אויך דער מושג אַז ווען ס'איז דאָ אַ מענטש וואָס האָט אונז געטון גרויסע עוולות, אָבער דער מענטש האָט אונז אויך געטון אפילו איין טובה, זאָלן מיר פאַרגעסן אַלע זיינע אומרעכטן, און מיר זאָלן אים געדענקן בלויז די טובה וואָס ער האָט אונז געטון!

### די שוועריגקייט וואָס מיר האָבן זיך אַזוי צו פירן

למעשה, ווען מען קוקט זיך אום אויף דעם טאָג טעגליכן לעבן אויף דער וועלט, זעט מען אַז בדרך כלל פירן זיך מענטשן ממש פונקט פאַרקערט, און זיי שפירן ניטאַמאָל קיין פראָבלעם דערמיט.

ס'איז אָנגענומען אַלס אַ דבר פשוט אַז אויב עמיצער האָט מיך באַ'עולה'ט און ער האָט מיך גראדע אויך אַמאָל געטון אַ טובה, איז דאך זעלבסט פאַרשטענדליך אַז כ'האָב די פולע רעכט צו כאָטש האָבן אויף יענעם אַ שווער הארץ, און אויב איך קריג זיך נישט אַרום מיט יענעם בפועל, דעמאָלט בין איך דאָך ממש אַ געהויבענער איד...

### שלעכטס בלייבט איינגעקריצט אין האַרץ טיפער ווי טובות

און באמת דאַרף מען טאַקע גוט פאַרשטיין דעם יסוד וואָס דער "תומר דבורה" לערנט אונז, ווייל ס'איז גאַנץ שווער דאָס צו מקיים זיין בפועל ממש.

די נאַטירליכע טבע פון אַ מענטש איז אַזוי אויסגעשטעלט אַז ווען אַ מענטש טוט אונז אַ טובה **פאַרגעסן מיר שנעל דערפון,** אָבער ווען איינער טוט אונז אן אומרעכט, **דאַן גייט דאָס אַריין טיף אין האַרץ** און מען געדענקט דאָס זייער לאַנג.

דאָס שלעכטס וואָס מען איז באַגאַנגען קעגן אונז גייט אַריין אין אַ טיפערע פלאַץ אין האַרץ, ווי די טובה וואָס מיר האָבן באַקומען. דעריבער קומט דער מענטש קומט מיט אַ טענה: **"וואָס זאָל איך טון אַז יענעמס 'עולה' ליגט מיר נאָך גוט אין זכרון און זיין טובה האָב איך שוין לאַנג פאַרגעסן?!"**

### אַ זאַך וואָס באַרירט דעם מענטש אינערליך געדענקט ער בעסער

ווער געדענקט דען נישט וויאַזוי אונזערע מלמדים און מגידי שיעורים פלעגן זאָגן: "ס'איז דאָ בחורים וואָס געדענקן גאַנצע סוגיות אין פאָליטיק מיט אַלע מפרשים און סעיף קטן'ס, אָבער ווען ס'קומט צו געדענקן די גמרא תוספות, דעמאָלט האָט ער פלוצים אַ שוואַכע קאָפּ... ער קען דיך געבן אַ שיעור איבער די גאַנצע פאָליטיק פון די לעצטע צען יאָר אָבער ביים לערנען דערהייבט נישט זיין קאָפּ צו געדענקן וואָס מען האָט נעכטן געלערנט..."

וואָס איז טאַקע פשט דערפון?! זייער פשוט! דער זכרון ווענדט זיך ווי טיף ס'איז אַריין אין האַרץ די ידיעה וואָס דער מענטש האָט געהערט.

אַ שטיקל גמרא, וואָס אינטערעסירט אים נישט צופיל, פליט גלייך אַרויס פון זיין מח, ס'גייט נישט אַריין טיף און ער פאַרגעסט עס באמת זייער שנעל. אָבער די זאַכן וואָס האָט צוטון מיט זיין קהלה און מיט זיין פאַרטיי, דאָס געדענקט ער שוין איינמאָל... ווייל ער האָט אַ געפיל דערינען. זיין נפש האָט געשפירט אַ שייכות דערמיט.

ממש דאָס זעלבע שפילט זיך אָפּ מיט די 'טובות' און 'עולות' וואָס אַ מענטש באַקומט פון אַנדערע. די שלעכטע חלקים בלייבט טיפער איינגעקריצט אין מח ווי די טובות.

### אותיות מחכימות

ספה"ק תומר דבורה

לא ינכה בלבו ויאמר אם עשה לי טובה, הרי עשה לי רעה, וישכח הטובה. לא יעשה כן, אלא ברעה יתרצה כל דרך רצוי שיוכל (ויסירנה ממוחו), והטובה אל יזניחה לעולם מבין עיניו, ויעלים עינו מן הרעה כל מה שיוכל כדרך שהקב"ה כובש עוונות.

### דער געוועזענער מחותן האָט דיך אויך געטון טובות...

לאָמיר אָנכאַפּן נישט אַזאַ געשמאַקע משל, ס'זאָל זיך נישט טרעפן ביי קיין שום איד.

אַ מענטש האָט חתונה געמאַכט זיין קינד, און השי"ת האָט אַזוי געפירט אַז ליידער האָט זיך עס נישט אויסגעאַרבעט. ס'האָט געדויערט אַמאָל אַ האַלב יאָר, אַ יאָר, אָדער אַביסל לענגער, ביז ס'איז געוואָרן "נתפרדה החבילה".

יעצט קוקט דער איד אויף זיין געוועזענעם מחותן מיט אַ גאַנצע פּעקל מיט טענות און ער איז זייער אָנגעווייטאָגט. ס'איז טאַקע אַ גרויסע נסיון, אָבער אַז מען קוקט "תומר דבורה'דיג", אַז מען פּרובירט צו לעבן וויאַזוי דער רמ"ק האָט אונז געזאָגט אַז מיר דאַרפן דאָס אָנקוקן, דעמאָלט דאַרף מען זיך מאַכן דעם חשבון אַזוי:

"אפילו לאָמיר זאָגן אַז איך בין גערעכט, דער מחותן האָט מיך באַ'עולה'ט מיט פאַרשידענע זאַכן, אָבער איין מינוט; איך האָט דאך אויך באַקומען אַסאַך טובות וואָס דער מחותן האָט מיך געטון! **פאַרוואָס ווערט פלוצים אַלעס טאָטאַל אָפּגעמעקט?! פאַרוואָס איז אפילו נישט דאָ קיין הוה אמינא אַז איך דאַרף זיך אַנדערש פירן?!?"**.

און מען רעדט נישט דאָ פון איינעם וואָס פירט אַ מחלוקת אָדער אַ גרויסע מלחמה, מען רעדט אפילו פון אַן איידעלער מענטש, וואָס דרייט זיך בלויז אַרום מיט דעם געפיל אַז יענער האָט מיך געטון אַ גרויסע עולה.

ס'קען זיין אַז ס'איז אמת, אָבער דער "תומר דבורה" לערנט אונז אַז אַ מענטש דארף אָנקומען צו דער 'דרגה', אַז ער זאָל האַלטן פאר זיינע אויגן די טובות וואָס יענער האָט אים געטון, בשעת די תקופה פון חתונה מאַכן. **יענער האָט דאָך מסכים געווען צום ביישפּיל אים אַרויסצוהעלפן מיט אַ גרעסערע חלק פון די הוצאות החתונה, א.ד.ג. און יעצט געדענקט מען ניטאַמאָל אים צו מכיר טובה זיין דערפאַר**. ווייל אויב מען איז אָנגעקומען צו אַזאַ מצב אַזוי ווי יעצט, איז דאך זיכער אַז אַלע טובות ווערן אויסגעמעקט, כאילו ס'וואָלט קיינמאָל נישט פּאַסירט...

ביי דעם ביישפּיל איז טאַקע זייער פאַרשטענדליך פאַרוואָס דאָס איז אַזוי, ווייל די ווייטאָג איז נאָך אָפּן און עס באַגלייט אים יעצט; די בזיונות וואָס ער

> **"ער קען דיך געבן אַ שיעור איבער די גאַנצע פּאָליטיק פון די לעצטע צען יאָר אבער ביים לערנען דערהייבט נישט זיין קאָפּ צו געדענקן וואָס מען האָט נעכטן געלערנט..."**

האָט אין גאַס און די אַלע פּרשה'לעך וואָס קומט מיט אַזאַ סיטואַציע; ער לעבט מיט דעם פּראָבלעם. ווידעראום די טובות וואָס יענער האָט אים אַמאָל געטון איז דאך אַלטע זאַכן, פון זיין זייט איז דאָס שוין אַ חלק פון דער היסטאָריע, איבערהויפּט אַז ס'איז דאך גאָרנישט געבליבן דערפון, איז עס ביי אים אין קאָפּ געווענליך בטל ומבוטל.

אָבער דאָס איז נישט דער אמת, דאָס איז נישט די ריכטיגע השקפה, און מיר דאַרפן זיך צוגעוואוינען דערצו, אַנדערש וועט די שטיקל 'תומר דבורה' בלייבן ווייט פון אונז 'כרחוק מזרח ממערב'...

### דער טאָהשער רבי זצ"ל איז מכיר טובה פאַר'ן אים ראַטעווען...

נאָך דער מלחמה האָט הרה"ק **מטאָהש** זצ"ל זיך באַזעצט אין דער שטאָט מאָנטריאַל. ס'איז דאָ אַ באַוואוסטע מעשה וואָס מען פאַרציילט, אַז ס'איז געווען איינער וואָס האָט אים זייער שטאַרק גע'רודפ'ט. אַמאָל ווען דער רבי איז געווען איינגעטונקן אין מקוה, האָט אים יענער אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ און אַראָפּגעדרוקט מיט זיינע צוויי הענט אַז ער זאָל נישט קענען אַרויסקומען פון וואַסער, ה' ירחם.

דער טאָהשער רבי איז געווען ממש אין אַ לעבנס געפאַר רח"ל, ביז אין די לעצטע מינוט איז אַ צווייטער איד אַריינגעקומען אין מקוה און ווען ער האָט געזען וואָס דאָ גייט פאָר האָט ער אָנגעהויבן מאַכן קולות. דעמאָלט האָט דער פאַרשוין זיך דערשראָקן און האָט אַראָפּגענומען די הענט, אַזוי האָט דער רבי געקענט באַפרייען זיין קאָפּ און זיך ראַטעווען דאָס לעבן.

נישט בלויז וואָס דער טאָהשער רבי האָט קיינמאָל נישט גערעדט קיין שלעכט ווארט אויף דעם מענטש, **נאָר ער האָט אים אָנגעהויבן שיקן געלט יעדן חודש!**

אַביסל שפּעטער האָט יענער זיך פאַרפּלאָנטערט מיט'ן געזעץ און ער געווען געצווינגען צו אַנטלויפן. ער איז פאַרשוואונדן אָן איבערלאָזן קיין שפּירן. קיינער האָט נישט געוואוסט וואו ער איז אַהינגעקומען. נאר איינער האָט געוואוסט, דאָס איז געווען דער טאָהשער רבי, וואָס האָט נישט גערעט און ער האָט חוקר ודורש געווען, ביז ער האָט זיך דערוואוסט בסוד סודות אַז יענער איז אָנגעקומען קיין אויסטראַליע. דער רבי האָט געשיקט רופן איינעם פון זיינע מקורבים, ער האָט אים געגעבן די שפּעזן פארן וועג ביז אויסטראַליע און האָט אים געבעטן צו איבערגעבן אַ גרויסן סומע געלט פאר יענעם, און אַזוי האָט ער פאָרגעזעצט אים צו שטיצן במשך צענדליגער יאָרן ביז זיין לעצטן טאָג.

ווען מען האָט אַמאָל געפרעגט דעם טאָהשער רבי'ן: עד כדי כך?! דאַרף מען טאַקע געבן אַזויפיל געלט פאר אַזאַ איינעם? צוריקצאָלן גוטס אַנשטאָט שלעכטס האָט דאָך אויך עפּעס אַ גבול... האָט דער רבי געזאָגט מיט'ן גאַנצן פּשטות: **"איך בין דאך אים שולדיג מיין לעבן, ווייל אין די לעצטע מינוט האָט ער אַראָפּגענומען זיינע הענט און אַזוי האָט ער מיך גערעטעוועט ממות לחיים"...**

אונזער קאָפּ דארף קענען סובל זיין אַזאַ מעשה... אָבער מיר לערנען דערפון אַ געוואַלדיגע לימוד וויאַזוי **אַ בשר ודם קען אָנקומען צו דער מדריגה וואָס דער "תומר דבורה" לערנט אונז**, אַז ס'זאָל זיין אַ דבר פּשוט, צו זען בלויז די טובה וואָס יענער האָט געטון און נישט דאָס שלעכטס. טראָצדעם וואָס ס'איז בכלל נישט קיין פאַרגלייך, און די 'עולה' איז הונדערט מאָל אַרגער ווי די 'טובה'!

לאָמיר דעריבער פּרובירן צו פאַרשטיין די ווערטער פון דעם "תומר דבורה" און אַזוי וועלן מיר בעז"ה אויך קענען משיג זיין וויאַזוי מיר קענען כאָטש שטרעבן אָנצוקומען צו אַזאַ מדריגה.

ב

## איזהו חכם; די חכמה פון געדענקן יענעם טובות און נישט זיינע 'עַולות'

### דער חכם איז זיך מתעלם פון שלעכטס

צוערשט לאָמיר דאָס אָנקוקן מיט אַ פּראַקטישן בליק פון "חכמת חיים" און שפּעטער וועלן מיר צוגיין צו דעם תורה'דיגן בליק, וואָס דורך דעם אופן ווערט דאָס גוט איינגעקריצט אין מח.

אַזוי ערקלערן די בעלי מוסר (דער של"ה הק' אין פּרשת ויצא, ועוד) אַז ווען יעקב האָט גערופן רחל און לאה און זיי געזאָגט אַז ער וויל איבערלאָזן זייער פאָטער לבן, האָט ער קודם דאָס מסביר געווען אויף אַ שכל'דיגן אופן "רואה אני את פּני אביכן"... הערשט שפּעטער האָט ער זיי פאַרציילט אַז אַזוי האָט השי"ת אים באַפוילן - ווייל ווען אַ מענטש וויל אויפבויען אַ נייע געדאַנק, אַז זיין קאָפּ זאל דאָס אננעמען ריכטיג, דאַרף מען קודם רעדן צו זיין שכל און אים מסביר זיין מיט לאָגיק אַז ער זאָל דאָס מקבל זיין, דערנאָך קען מען זען אַז דאָס איז אויך ריכטיג על פּי התורה הק'.

אַלזאָ, מיר זענען געוואוינט צו טראַכטן אַז אַ קלוגער מענטש איז אַזאַ איינער וואָס האַלט פּונקטליך אַלע חשבונות און ער פאַרגעסט נישט אַלע אַלטע מעשיות. צום ביישפּיל, ווען איינער וועט קומען צו אים בעטן אַ נדבה פאר הכנסת כלה, וועט דער א.ג. "חכם" אים גלייך זאָגן: **"דו מיינסט אַז איך געדענק נישט וואָס איז געווען פאר 25 יאָר צוריק, ווען דו האסט געטשעפּעט מיך, מיין איידעם, אָדער מיין קהלה... איך געדענק נאָך זייער גוט, גייט אַוועק פון דאָ"**.

ווידער דער א.ג. "תמים" כאַפּט נישט ווער ס'שטייט פאַר אים און ער גיט אים יאָ אַ נדבה. הערשט שפּעטער כאַפּט ער זיך און באַדויערט פאַרוואָס ער האָט אים געגעבן געלט, יענער איז דאך געשטאַנען אונטער אַלע מיינע צרות פון יאָרן צוריק...

**מיר מיינען אַז "פּקחות" באַדייט ווען מען האַלט קאָפּ אויף אַלע אַלטע חשבונות, און דער "תמים" איז דער וואָס כאַפּט נישט אָדער געדענקט נישט יעדע קלייניגקייט.**

למעשה אָבער, ווען מיר קוקן אויף די צדיקים, וואָס זיי זענען געווען גאַנץ קלוגע אידן, אַסאַך קלוגער פון אונז... זען מיר אַז זיי האָבן געהאַט אן אַנדערע "חכמת חיים". מיט זייער שכל הישר האָבן זיי געקענט אָפטיילן און אליינס מחליט זיין: "יעצט איז דער מענטש געקומען פאר הכנסת כלה, יעצט איז דאָך נישט נוגע אַנדערע זאַכן, פאַרוואָס דאַרף איך יעצט דאָס נעמען אין חשבון?!".

די ריכטיגע "חכמת חיים" איז ווען דער מענטש קען באַשלוסן אַז איך טראַכט נאר וואָס איז יעצט נוגע אויף למעשה. **די אַנדערע זאַכן וויל איך נישט יעצט טראַכטן.** איך בין שולט אויף מיין מח!

## לאָמיר נישט פאַרברענען קיין ענערגיע פאר אומנויטיגע חשבונות

אפילו פראַקטיש גערעדט איז דאך אַזוי ראַטזאַם צו נוצן דעם "חכמת חיים", זיך צו מתעלם זיין פון די עולה וואָס יענער האָט דיך געטון - ווייל דער מענטש פאַרנוצט אַזויפיל ענערגיע און כוחות הנפש ווען ער איז פאַרנומען האַלטן חשבונות און ער דאַרף אינזין האָבן אַזוי סאַך פּאָליטיק און נקמות... **אויב ס'איז נישט וויכטיג פאַר יעצט איז דאך ממש אַ שאָד אַז ער דאַרף שלעפן אַזעלכע שווערע פעקלעך!**

מען זעט דעם געדאַנק אויך אַסאַך מאָל ביי אַ מענטש וואָס פירט אַ ביזנעס. צוערשט האָט ער אַלעס געטראָגן אויף זיין קאָפּ. אַלע חשבונות און אַלע מיטינגען איז געליגן אויף אים. "איינס אזייגער דאַרף איך זיך טרעפן מיט דעם, צוויי אזייגער מיט יענעם, נאָכמיטאָג דאַרף איך גיין אין באַנק א.א.וו."

שפעטער זעט דער מענטש אַז ער קען פשוט נישט טראָגן אַלעס אויף זיין קאָפּ, ווייל דאָס פאַרנוצט זיינע כוחות פאר גאָרנישט. וואָס טוט מען?! מען מאַכט זיך אַ ליסטע וואו מען שרייבט אַלעס אַראָפּ, אָדער נעמט מען אויף אַ סעקרעטאַר וואָס זאָל יעדן טאָג אינזין האָבן די אויפגאַבעס וואָס ער האָט פאַר יענעם טאָג.

אַ קלוגער מענטש נעמט אַראָפּ פון זיך אַלע פרטים וואָס זענען אים נישט נוגע פאר די יעצטיגע מינוט, כדי ער זאָל קענען זיין אינגאַנצן פאָקוסירט אויף די זאַך וואָס ער באַשעפטיגט זיך יעצט דערמיט. ווען ער טוט עפּעס איז ער "דאָרט" מיט זיין גאַנצע מח, ווייל ער דאַרף נישט האַלטן קיין חשבון אויף טויזנט אַנדערע זאַכן.

ערליכע אידן האָבן גענומען אָט די חכמה און זיי האָבן זיך דערמיט באַנוצט צו עבודת ה'! **אמת אַז יענער האָט מיך געטון אַ געוויסע 'עולה', בסדר! אָבער איז דאָס מיר נוגע יעצט?! ס'איז מיר נישט נוגע!** אויב אַזוי בין 'מעלים עין' דערפון, איך טראַכט נישט יעצט פון דעם!

אַמאָל גייט אַ מענטש און גאס און ער טרעפט אַ צווייטן איד און גלייך האָט ער אין זיין קאָפּ אַ גאַנצע 'פייל' אויף יענעם... ער דאַרף יעצט עפענען אַלע פרשיות וואָס ער האָט געהאַט מיט יענעם פון ישיבה, פון די שידוכים יאָרגאַנג ווען ער האָט געגעבן אויף אים שלעכטע אינפאָרמאַציע, פון אַ פרשה נאָך די חתונה, א.א.וו.

ער שפירט אַז אין זיין 'גוט מאָרגן' דאַרף ליגן אַ סך הכל פון די אַלע פרשיות... כ'וועל אים געבן בלויז אַ האַלבע שמייכל, פאר די טובה וואָס ער האָט מיך געטון, אָבער כ'וועל איך אויך ווייזן אַז כ'בין נישט אַזוי פריינטליך, כ'וועל אים ענטפערן אַזוי קאַלטערהייט, בשפה רפה...

**דאָס איז וואָס מענטשן טוען פאַקטיש טאָג טעגליך!** זיי זאָגן דאָס אפשר נישט אַרויס מיט די אַלע אותיות, אָבער דאָס איז וויאַזוי מען פירט זיך אויף. מען מאַכט אַ סך הכל פון דעם גאַנצן 'עבר' און אַזוי באַציעט מען זיך צו יענעם. זיי מאַכן אַ סך הכל פון דעם גאַנצן פאַרגאַנגנהייט און דורכדעם קומען זיי אָן צו די מסקנא וויאַזוי זיך צו באַציען צו יענעם יעצט.

דאָס איז אָבער נישט קלוג און נישט ריכטיג. אויב יענער האָט דיך געטון אַ טובה און דו טרעפסט אים, פאַרוואָס איז אזוי וויכטיג צו געדענקן יעצט אַלע אַנדערע זאַכן ?

פאַרקערט! אויב דו ווערסט געדענקן אַלע טובות וואָס אַ צווייטער איד האָט דיך געטון און דורכדעם וועסטו אים באַגריסן בסבר פנים יפות, מאַכסטו דאך "בנין עולם" פאר זיך און דו מאַכסט "בנין עולם" פאר יענעם! **דו בויעסט אויף אַ בעסערע וועלט, און ווען אַ מענטש איז עוסק אין "בנין העולם" ווערט ער אליינס אויפגעבויעט!** די פאַקט איז אַז ווען אַ מענטש טוט ריכטיגע זאַכן שפירט ער זיך אליינס אַסאַך בעסער, דאָס איז אַ סימן אַז ער וואַקסט און האָט אַ שייכות מיט גוטס!

## אַסאַך מאָל פאַרשטייען מיר דעם יסוד פאר אַנדערע, אָבער נישט ביי זיך אליינס...

לאָמיר געבן אַ קוק אויף די זעלבע נושא פון אַ פאָזיטיווע ריכטונג: וויפיל מאָל מאַכט זיך ווען מען פרעגט מענטשן אינפאָרמאַציע ביי אַ שידוך, און זיי האָבן אַ פולע הארץ אויף יענעם מיט ריכטיגע טענות און סכסוכים, אָבער זיי ענטפערן "לגופו של דבר", זיי געבן אויפריכטיגע אינפאָרמאַציע און זענען ניטאַמאָל מרמז מיט אַ קליינע רמז אַז זיי האָבן געוויסע טענות אויף דעם מענטש.

ס'איז דאָ זייער אַסאַך מענטשן וואָס ווען ס'קומט אַזאַ סיטואַציע, ווייסן זיי וויאַזוי דאָס צו האנדלן ריכטיג. פאַרוואָס? ווייל זייער קאָפּ ליגט זיי אויף די פלייצע. זיי מאַכן זיך דעם חשבון, וואָס איז יעצט נוגע פאר יענעם אַז איך האָב מיך מיין פריוואַטע פרשה מיט דעם מענטש?! **אַז ס'איז אַ צוגעפּאַסטע שידוך, פאַרוואָס זאל איך אַריינמישן מיינע פריוואַטע נגיעות?!** און אַזוי בויעט זיך טאַקע אַ וועלט פון שידוכים און אידישע דורות.

אָבער דער מענטש דאַרף פאַרשטיין אַז די זעלבע זאַך איז אַקטועל אויך נישט בלויז ווען ס'איז נוגע פאר אַ צווייטן, נאר אויך ביי זיך אליינס אין קאָפּ!

מען דאַרף מחליט זיין ביי זיך: **"אַלעס וואָס אַ צווייטער האָט מיך געטון אָן אומרעכט איז מיך נישט נוגע"!** אויב וועט אַ מענטש יאָ טראַכטן און געדענקן אפילו איין איינציגע טובה וואָס יענער האָט אים געטון און ער אים וועט מכיר טובה זיין דערפאַר, וועט ער מאַכן דערפון אַ "בנין העולם" און ער וועט אליינס איבערגעדרייט ווערן פאַר אַן אַנדערע מענטש!

ווייל ווען דער רבוש"ע האָט אונז געהייסן נאָכמאַכן זיינע וועגן, האָט ער געוואוסט אַז דאָס איז די בעסטע זאַך פאַר אונז אליינס, און ווען מיר וועלן אַזוי טון וועלן מיר אויפבויען אונזער קשר צום רבוש"ע.

## די תפלה פון הייליגן ר"ר אלימלך זי"ע; "אדרבה תן בלבינו שנראה מעלת חברינו ולא חסרונם"

מיר טרעפן זיך אן כסדר מיט אַזעלכע סאָרט ביישפילן, פון מענטשן וואָס געדענקן נאר די שלעכטס און נישט די גוטס. ווייל די וועלט איז דאך אַ פלאַץ וואו ס'איז אויסגעמישט גוטס מיט שלעכטס, און מענטשן האָבן שטענדיג דעם סאָרט נסיון.

לדוגמא, אַ איד וואָס אַרבעט שוין אין די זעלבע אַרבעט די לעצטע צען יאָר און ער האָט אַסאַך וואָס צו זאָגן וועגן דעם פלאַץ... ער האָט גענוג זיך צו אָפּרעדן; מען צאָלט אים צו ווייניג, מען וויל אים נישט געבן קיין העכערונג, מען פאַרלאַנגט צו זיין צייטליך. ער קען מחבר זיין אַ גאַנצע ספר מיט אַלע זיינע טענות, און אַלעס וועט זיין אמת... ס'איז דאָ זאַכן אויף וואָס ער איז שטאַרק אָנגעווייטאָגט, אָבער **למעשה איז דאָך דער בעל הבית פון דעם ביזנעס געווען דער מקור פון דיין פרנסה!** ער איז געווען דער שליח וואָס דער רבוש"ע האָט געשטעלט דיך צו ברענגען דיין פרנסה, האָסט געלעבט אַדאַנק דעם פלאַץ!

ס'איז שווער פאר אַ מענטש צו קוקן דערויף אַזוי. ער דרייט זיך אַרום שבת אין בית המדרש און איז מלא טענות אויף זיין בעה"ב. ער שפירט זיך אָנגעווייטאָגט.

אָבער ווען מען קוקט זיך צו פון דער זייט קען מען זיך אפילו וואונדערן אויף אים: "ביזט אודאי גערעכט מיט אַלע דיינע טענות, אָבער ביזט דאך אליינס מודה אַז יענער האָט דיך אויך געטון אַסאַך טובות".

ווען מען זאָגט דאָס פאר דעם מענטש וועט ער זיך גלייך פאַרענטפערן: "נאָכאַמאָל, איך האָב נישט געזאָגט אַז כ'האָב נישט באַקומען פון אים קיין טובות, איך זאָג נאר אַז..." און ער הייבט ווידער אָן מיט די גאַנצע סעריע פון טענות און מענות...

די סיבה פאַרוואָס מענטשן זענען אַזוי, איז ווי דערמאַנט, ווייל די אומרעכט וואָס מען טוט אונז פילט אן 85-90 פראָצענט פון אונזער הארץ. דעריבער ווען מיר זענען אים מעורר דערוועגן וועט ער זאָגן: "בעצם מיט לומדות טוט ער מיך טאַקע גוטס, אָבער למעשה איז ער פוגע אין מיך און באַ'עולה'ט מיך"... **השי"ת וויל אַז מיר זאָלן דאָס איבערדרייען, מיר זאָלן אָנהויבן זינגען אַנדערש דעם ניגון, צו זען די טובות וואָס יענער האָט אונז געטון און נישט די שלעכטס!**

אַלע קענען די הייליגע ווערטער וואָס דער רבי ר' אלימלך זי"ע האָט אַריינגעלייגט אין זיין תפלה: **"אדרבה, תן בלבנו שנראה כל אחד מעלת חברנו ולא חסרונם"**. מען זאָגט דאָס, מען זינגט דאָס, אָבער מען פאַרשטייט נישט גענוג וויפיל טיפקייט עס ליגט אין די ווערטער.

באמת ליגט דאָ אַ געוואַלדיגע עמקות! דער מענטש בעט זיך ביים באשעפער: **איך בין אַ טיפש אַז איך זע די מעלות פון מיין חבר "צוזאַמען מיט זיינע חסרונות, העלף מיר און דערלייכט מיר אַז איך זאָל קלוג ווערן און איך זאָל אָנהויבן "נאר זיינע מעלות" און נישט זיינע חסרונות"!**

און אַז דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע האָט דאָס אַריינגעלייגט אין זיין תפלה זען מיר ווי וויכטיג ס'איז צו דאַווענען אויף דעם, און מיר זען אויך אַז "מען קען דאַווענען דערויף". אויב מען מיינט עס ערנסט דעמאָלט וועט השי"ת מקבל זיין אונזער תפלה און מיר וועלן ווערן געטוישט! **מיר וועלן אָנהויבן טראַכטן ווי ערליכע אידן!** צו זען און אַנערקענען בלויז "מעלת חברינו" און נישט זייערע "חסרונם".

# כשהוא שבע מברך כשהוא רעב לא כל שכן: "הכרת הטוב" איז פאר אונזער אייגענע טובה

## די קל וחומר פאַרוואָס מען דאַרף מאַכן אַ ברכה "פאַר'ן" עסן

ביז יעצט האָבן מיר גערעדט פּראַקטיש, צו פאַרשטיין אַז ס'איז פּשוט אַ קלוגערע וועג זיך צו טוישן דעם בליק, און אָנהויבן געדענקן בלויז די טובות וואָס אַנדערע האָבן אונז געטון.

יעצט לאָמיר אַריבערגיין צו דעם תורה'דיגן בליק, וויאַזוי אַ איד מיט אמונה באַטראַכט אַזאַ זאַך.

מיר ווייסן אַז נאָכ'ן עסן איז דאָ אַ מצוה אין די תורה פון "ואכלת ושבעת וברכת" אַז מען דאַרף בענטשן ברכת המזון.

וואָס טוט זיך מיט די ברכה פאַר'ן עסן? דאָס איז אַ דרבנן. אָבער די גמרא אין מסכת ברכות (דף ל"ה ע"א) ברענגט צוערשט אַ סברא וויאַזוי חכמינו ז"ל ווילן אַרויסלערנען דעם חיוב צו זאָגן ברכות פאַר'ן עסן דורך אַ 'קל וחומר': "**שהוא שבע מברך כשהוא רעב לא כל שכן**" - דאָס הייסט, 'מה דאך' ווען מען איז זאַט, נאָכ'ן עסן, דאַרף מען דאַנקן השי"ת, איז דאך זיכער אַז ווען מען איז הונגעריג, פאַר'ן עסן, דאַרף מען זיכער בענטשן און דאַנקן דעם באַשעפער.

## פאַר'ן עסן זענען מיר אַסאַך מער אָנגעוויזן אויפ'ן באַשעפער

לכאורה איז אַביסל שווער צו פאַרשטיין דעם 'קל וחומר', ווייל די סברא זאָגט דאך פאַרקערט, ווען אַ מענטש האָט שוין אָפּגעגעסן, ער איז זאַט, האָט ער אויף וואָס צו דאַנקן און בענטשן, אָבער ווען ער האַלט נאָך בעפאָר דאָס עסן, איז ער דאָך הונגעריג, אויף וואָס זאָל ער דאַנקן ?

אין דעם פּירוש פון **הר"ש סיריליאו** ז"ל[א] אויפ'ן **ירושלמי**[ב] געפינען מיר אַ שיינע ערקלערונג אויף דעם 'קל וחומר':

ער שרייבט אַז ווען דער מענטש איז הונגעריג איז ער מער אָנגעוויזן אויף השי"ת. ווייל ער דאַרף דאַוונען און האָפן אַז ער זאָל נישט שטיקן פון דאָס עסן, אָדער ס'זאָל אים נישט געשען עפּעס אַן אונס מיט זיין עסן, ס'קען זיך אויסגיסן און ער וועט בלייבן אַן גאָרנישט, אָדער ס'זאָל זיך נישט צעברעכן זיינע ציין און באַקן[ג].

(בדרך אגב, שטייט דאָ אַן אינטערעסאַנטע נקודה וואָס פון גרויס געוואוינהייט כאַפּן מיר ניטאַמאָל וויפיל מען דאַרף מתפּלל זיין אויף יעדע קלייניקייט. **ווען מען גייט עסן גייט זיך דאָ אָפּשפּילן אַן ערנסטע פּראָצעדור... מען דאַרף אַסאַך סייעתא דשמיא אַז אַלעס זאל פאָרן גלאַטיג...** דאָס עסן זאָל זיך נישט אויסגיסן, דאָס עסן זאָל אים נישט דערשטיקן חלילה און ער זאָל זיך נישט צעברעכן די ציין. נאָכ'ן עסן וואָלט מען געדאַרפט טעלעפאָנירן אַהיים און מודיע זיין "ברוך ה' אַלעס איז אַריבער בסדר... מ'האָט געזען די סייעתא דשמיא..." מיר דאַרפן זיך איינגעוואוינען צו קוקן אויף דעם אַזוי).

## דאַנקן דעם באַשעפער איז די גרעסטע תועלת פאַר אונז אליינס!

אַלענפאַלס, איז דער ר"ש סיריליאו אונז מסביר, אַז וויבאַלד אַ מענטש איז פאַר'ן עסן מער אָנגעוויזן אויף השי"ת דעריבער דאַרף מען דעמאָלט ענדערש מאַכן אַ ברכה און דאַנקן דעם באַשעפער.

הגם די ברכה איז דאך אַן ענין פון דאַנקן, נישט פון בעטן אַ תפלה, און פאַרוואָס דאַרף מען דאַנקן שוין פארן עסן?! נאר דאָ ליגט אַ מורא'דיגע יסוד, וואָס מיר האָבן שוין גערעדט עטליכע מאָל, אַז די ברכת הנהנין האָט אויך אַ שייכות מיט מיט דעם ענין פון תפלה!

**ווען מיר מאַכן אַ ברכה און מיר דאַנקן השי"ת איז דאָס נישט ווייל דער באַשעפער דאַרף האָבן אונזער יישר כח... נאר ווייל מיר אליינס דאַרפן דאָס האָבן!** ווען מיר זענען מכיר טובה פאר די חסדים פון השי"ת איז דאָס די גרעסטע תועלת פאַר אונז אליינס!

אויב אַ מענטש וואָלט נישט געגעבן קיין שבח והודאה פאַר'ן באַשעפער, וואָלט דער מענטש דערווייטערט געוואָרן פון דעם מקור פון גוטס און לעבן. אַ מענטש דאַרף דאַנקן ווייל דאָס איז די גרעסטע טובה פאַר אים. אַזוי איז ער זיך מחבר צום רבוש"ע, וואָס דאָס איז די בעסטע זאַך אויף דער וועלט!

מיר ליגן דאך איינגעוויקט אין אונזערע אייגענע רצונות און צמצומים פון דעם עולם הזה, אָבער טאַקע דערפאַר האָט אונז השי"ת געגעבן אַ געלעגנהייט, מיט דער מצוה פון מאַכן ברכות: **"טראַכט וועגן מיר! אנערקען אַז איך בין דער וואָס גיט דיך אַלעס גוטס! זיי מכיר אַז איך באַגלייט דיך יעדע רגע מיט אַ פּונקטליכע השגחה! ווען דו וועסט אַזוי טון וועט דאָס זיין דיין בעסטע רפואה!"**.

## אַנערקענען די חסדי השי"ת דורך הודאה וברכה

ווען אַ מענטש לויבט השי"ת פאר זיינע חסדים, היילט דאָס אויס דעם מענטש. עס באַפרייט אים פון זיינע צומצומים. ער הייבט אן געדענקן אַז דער באַשעפער גיט זיך אָפּ מיט אים.

אָט די יסוד פון אמונה ווערט איינגעבאַקן אין דעם נפש פונעם מענטש, סיי דורך די תפלה און סיי דורך דאַנקן. די ביידע זאַכן, תפלה און ברכות, האָבן דעם זעלבן ציל: צו משריש זיין אין אונז די ידיעה אַז מיר באַקומען אַלעס פונעם באַשעפער!

פאַרדעם זעט מען אַז ביי "ברכת המזון", ווען דער מענטש אַנערקענט אַז דער באַשעפער פיטערט אים און באַגלייט אים מיט אַלע זיינע באַדערפענישן. דעמאָלט זאָגט מען שוין אויך אַ דאַנק פאַר ארץ ישראל, פאר די ברית, פאר די תורה, א.א.וו. ווייל דעמאָלט כאַפּט מען זיך אַז השי"ת גיט זיך אָפּ מיט יעדן איינעם און באַגיסט אונז מיט אַלע אונזערע געברויכן!

## און דאָס איז טאַקע די פּשט פון דעם דעם 'קל וחומר'.

ווייל בדרך כלל, נאָכדעם וואָס דער מענטש האָט געגעסן און ער איז זאַט, שפּירט ער שוין אַז דאָס קומט אַזוי... ס'איז אים זעלבסט פאַרשטענדליך, ער פילט נישט קיין ספּעציעלע הכרת הטוב.

אָבער ווען דער מענטש איז נאָך הונגעריג - סיי הונגעריג בפּועל און דאָס זעלבע ווען מען איז הונגעריג פאר אַ ישועה - דעמאָלט אַנערקענט ער גרינגער אַז ער איז אָנגעוויזן אויפ'ן באַשעפער. דעמאָלט איז מער אַ פּאַסיגע צייט ער זאָל זיך דערמאַנען פון השי"ת.

## געדענקן שטענדיג ווי אָנגעוויזן מיר זענען אויפ'ן רבוש"ע

מ'קען אַמאָל הערן פון מענטשן וואָס גייען דורך פאַרשידענע שוועריגקייטן און זיי דרוקן זיך אויס: **"איך ווייס נישט וויאַזוי כ'וועל קענען ממשיך זיין מיין נאָנטע קשר מיט'ן באַשעפער נאָכדעם וואָס מיין ישועה וועט קומען... איך שפּיר אַז איך בין יעצט אַזוי שטאַרק נאָנט מיט דעם רבוש"ע, און איך האָב מורא אַז ווען מיין ישועה וועט קומען וועל איך פאַרלירן די דרגה פון אמונה וואָס איך האָב געהאַט"**.

דאָס איז ווייל ווען אַ מענטש איז הונגעריג, קען ער זיך אַסאַך גרינגער באַהעפטן צום אמת, אַז דער באַשעפער גיט אים אַלעס. דעמאָלט דאַרף מען לערנען דעם שיעור פון אמונה...ווען אַלעס פאָרט אַזוי ווי מען וויל, ווען אַלע שוועריגקייטן זענען שוין געלעזט, איז דער מענטש נישט אַזוי אָפן צו הערן אַז ס'איז דאָ אַ באַשעפער אויף דער וועלט וואָס פירט אַלעס.

אַמאָל קען מען זען אַז מען פּרובירט רעדן צו אַ מענטש וועגן דעם באַשעפער, אָבער אַלע ווערטער פאַלן אויף פאַרשטאָפּטע אויערן, דער מענטש האָט נאָר איין פראַגע: "תכלית, מ'קען מאַכן געלט אויף דעם ?"... ס'איז ממש נישטאָ קיין וועג וויאַזוי אָנצוקומען צו זיין האַרץ. **אָבער ווען דער זעלבער מענטש געפינט זיך אין אַ קלעם אָדער ענגשאַפּט, דעמאָלט איז ער שוין רייף און גרייט צו הערן.**

פאַרדעם זאָגט די גמרא: "אם כשהוא שבע הוא מברך", אויב מען דאַרף בענטשן נאָכ'ן עסן, מען דאַרף זיך איינבאַקן די אמונה ווען מען איז שוין זאַט, איז דאך זיכער אַז ווען מען איז הונגעריג דאַרף מען זיכער דאַנקן דעם באַשעפער און זיך איינבאַקן אין האַרץ די אמונה. ווייל ווען מען איז הונגעריג איז די צייט אַסאַך מער פּאַסיג דערצו. ס'איז אַ גאָלדענע געלעגנהייט, **זאָל ער דעמאָלט מאַכן אַ ברכה און ס'וועט ווערן איינגעזאַפּט אין זיין האַרץ צען מאָל אַזוי טיף!**

---

א. ממגורשי ספרד. מתלמידי מהר"י בן חביב והרלב"ח בנו. עלה ארצה לעיה"ק צפת"ו ביחד עם ה'בית יוסף' ורבי שלמה אלקבץ בעל 'לכה דודי'. מאוחר יותר עלה לירושלים עיה"ק ואף שימש שם ברבנות אחרי פטירת רבו מהרלב"ח זצ"ל.

ב. שם מובא קל וחומר זה כמסקנא דלא כהבבלי ששם הוא רק הוה אמינא ולמסקנא נלמד החיוב לברך לפני האכילה ממקום אחר.

ג. וזה לשונו: **"כשהוא רעב - שצריך להקב"ה יותר, שלא ייחנק או שלא יארע אונס במאכלו או שלא יישברו שיניו ומלתעותיו"**.

להצטרף לקבלת השיעורים או החוברות באימייל ולשלוח הערות: ארה"ב. 718.387.1122 | א.י. 03.3096216 | Email. info@machonhavineini.com
קול הביניני: ארה"ב – 718.686.8300 | א"י. 072.257.7726 | בריטניה. 0204.586.2115 | בלגיה. 03.300.0223